בס"ד
223

# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

זכות הדפסת הגליון
מרת מרים לאה צפורה
לע"נ
ב"ר שמואל ע"ה

...ועוד כי ראוי להודיענו מקום קבורת האבות באשר אנחנו חייבים לכבד מקום קבורת אבותינו הק'. (רמב"ן חיי שרה)

## בשורה טובה!

צו ערהאלטן די נייע שבט תשע"ד
**סטאטוס באריכט פון**
**560 בתי חיים**
**ביטע פארבינדט אייך מיט אבותינו**
T: 718-640-1470
F: 718-228-8368
E: statusreport@hfpjc.com



## מודעה מטעם הוועד למשמרת בתי חיים שע"י אבותינו - מעינטענענ"ס תשע"ד

### לכבוד די חשוב'ע יוצאי העיר כאו"א בשמו הטוב יבורך,

מיט שעצונג און הודאה פאר אייער מיטארבעט ביז אהער, וואס דורך דעם האבן מיר בע"ה באוויזן איבערצובויען און אויפהאלטן דעם ביה"ח בכבוד הראוי, ווענדן מיר זיך צו אייך בנוגע די קומענדיגע מעינטענענ"ס סעזאן הבעל"ט.

ס'איז איבריג ארויסצוברענגען די נחיצות און תועלת פון די משמרת ביה"ח פראגראם, וואס שטעלט אויס א סיסטעם פון שניידן די גראז רעגלמעסיג, מיט כסדר'דיגע, **פערזענליכע** באזוכן צום ביה"ח. פון ערפארונג, איז די סיסטעם **דער וועג צו פארזיכערן די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון קברי אבותינו.**

מיט די יארן האט זיך ארויסגעוויזן אז די שוועריגקייטן פון איינקאסירן די קאסטן פאר די מעינטענענ"ס איז איבער די כוחות פון "אבותינו", וואס צוליב דעם שטעלן מיר אייך פאר די פאלגנדע אפציעס:

- **אופן א'**: *שטארק רעקאמענדירט*
  די משפחה זאל אליין ארראנזשירן די מעינטענענ"ס מיטן שומר הביה"ח. [פארשטענדליך נאכ'ן קלאר מאכן אז דער באלאנס פאר אבותינו איז באצאלט] ס'איז וויכטיג אנצומערקן אז כדי מעינטענענ"ס זאל האבן סיי וועלכע הצלחה און האפט, **מוז מען אויסשטעלן לכה"פ פיר מאל שניידן די גראז און עס באגלייטן מיט 4 פערזענליכע אינספעקשענס א יאר.**

- **אופן ב'**: *נאכצוקומען די הפצרות פון בני המשפחה*
  אבותינו קען ווייטער אנפירן די מעינטענענ"ס, אבער לאחרי התייעצות איז מוחלט געווארן אז עס קען נאר אנהאלטן אויף דעם פאלגנדע אופן:
  - אינאיינעם מיט'ן אויסצאלן די גאנצע באלאנס פון די פריערדיגע יארן, מוז די משפחה איינצאלן די פרייז פאר די מעינטענענ"ס, ווי אויך די הוצאות פאר אבותינו, פאר די קומענדיגע פינף יאר. די געלט וועט אריינגעלייגט ווערן אין א באזונדערע מעינטענענ"ס אקאונט.
  - אבותינו וועט דערנאך אויסשטעלן א קאנטראקט מיט'ן שומר פאר פינף יאר, וואס דאס איז זייער בייהילפיג אז די ביה"ח ווערט א פראיעקט ביים שומר יאר נאך יאר און די ארבעט ווערט געטון מיט מער געטריישאפט און פאכמאנישקייט. אויך באקומט דער שליח מטעם אבותינו מער א פערזענליכע שייכות מיט'ן שומר, וכו'.

- **אופן ג'**: *ספעציעלע באהאנדלונג*
- די בתי חיים וואו די עול פון איינקאסירן די געלט ווערט גענצליך געפירט דורך די בני המשפחה אן מטריד זיין "אבותינו", ווערט ווייטער אנגעהאלטן די רעגלמעסיגע יערליכע מעינטענענ"ס.

**אויב מיר ערהאלטן נישט קיין ענטפער פון די משפחה ביז שפעטנס ר"ח אדר ב' (ולמסבּ' March 1),**
**איז ביי אונז אנגענומען אז די משפחה האט אויסגעקליבן אופן א'.**

**בכבוד ובהערצה – הנהלת משמרת ביה"ח שע"י אבותינו**

**יצחק מרדכי פאללאק · יודא מרדכי דייטש · ליפא וואלנער · אהרן יודא אבעלעס · יואל בערקאוויטש**

• • •

## ברכת מזל טוב ורב נחת

ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת מזל **טוב** לידידינו הנאמנים עם **ב"ב ומשפ'** שיחי' לרגל שמחת צאצאיהם בשטו"מ ה"ה

הרה"ג ר' **חיים אליעזר וויינבערגער** שליט"א **וב"ב** שיחי' - ירושלים
לרגל **נשואי בתו** תחי'
הוא הגבר אשר זכה להעמיד תלמידים מצויינים בהת"ת החרדי נחלת אבות בעיר בודאפעסט אשר כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה'

• • •

האברך היקר מו"ה **מרדכי פערענץ** הי"ו
עסקן נמרץ להצלת ביה"ח בעיר **קוברין**
בן ידידינו הרבני הנכבד כש"ת
מוה"ר **חיים רפאל פערענץ** שליט"א חבר הנהלת אבותינו
לרגל **הולדת בנם/נכדם** נ"י

• • •

הרה"ח ר' **שמואל דוד ליכטמאן** שליט"א **וב"ב** שתחי'
מחשובי הוועד להצלת ביה"ח
בעיר **בילקאמין**
לרגל **נשואי בתו** שתחי'

ויזכו כלם ביחד עם המשפחה והמחותנים שיחי' לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח

## דוגמאות של משמרת ביה"ח שנת תשע"ג


August 8, 2013


May 28, 2013


May 28, 2013


May 21, 2013

פאר אלע פרטים בנוגע מעינטענענ"ס, ביטע זיך פארבינדן: T: 718-640-1470 ext. 302/306 · F: 718-228-8368 · E: maintenance@hfpjc.com

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11211 T: 718-640-1470 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe · E. Yisroel: Asra Kadisha

HFPJC · אבותינו

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה